Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען.

הייגט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 92 | Łódź, Poniedziałek 21 kwietnia 1930. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כג ניסן תר״ץ | № 92

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# יודיש מיידעל דערשטעכט איהר ברודער

## דער ערמארדעטער איז געווען אנ'אכור צו זיין משפחה. ער האט מערדערליך געשלאגען די שוועסטער, דעם ברודער און אפילו די מוטער. ר'האט זיי אלע געוואלט אויסשעכטען

## די אומגליקליכע ברודער-מערדערין גיט זיך פרייוויליג אפ אין די הענד פון פאליציי

אין לאדז אויף זגערזשער 15 איז סאמע הארץ פון יודישען באלוט איז שבת ביינאכט פארגעקומען א שרעקליכער פאל, אין א יודישער משפחה: א 20-יעהריג מיידעל האט דערשטאכען אויף טויט איהר איינענעם ברודער. מיר קענען מיטטיילען:

### פאלגענדע פרטים

אויף זגערזשער 15 וואוינט אין איין שטיבעל די אלמנה לעווקאוויטש מיט איהרע 2 זיהן און טאכטער. דאס דאזיגע שטיבעל איז צוטיילט אויף צוויי טיילען, אין איין טייל וואוינט די פאמיליע און אין צווייטען טייל איז איינגעארדענט א פריזיער-אנ-שטאלט, וועלכער איז געפיהרט געווארען דורך דעם 26-יעהריגען שמואל. דאס צוזאמענלעבען אין דער פאמיליע איז געווען א זעהר שלעכטס. די שולד דערפאר האט געטראגען טאקע דערזעלבער שמואל לעווקאוויטש. סאיז כדאי צו בעמערקען, או זיין יונגערער ברודער דינט איצט אין מיליטער.

### שמואל איז געווען אנ'אוואנטורניק און סקאנדאליסט,

יעדען טאג האט ער ארויסגערופען סקאנדאלען אין נאס, האט זיך געשלאגען מיט פאליציאנטען, געפשעפעט מיט יעדען און דערצו האט ער נישט פיינד געהאט דעם ביטערען טראפען, בעזונדערע סקאנדאלען האט שמואל געמאכט אין שטוב. די סקאנדאלען זענען געווען אזעלכע, אפטע, או נישט איינמאל האבען זיך די שכנים געמוזט אריינמישען, כדי צו בערוהיגען שמואל'ן.

### ער האט געשלאגען, זיין ברודער, זיין שוועסטער און אפילו זיין אלטע מאמע.

דאס געלד, וואס ער פערדינט, האט ער פער-טרונקען און אינדערהיים האט מען געהונגערט, אלע פרובען צו ווירקען אויף שמואל'ן או ער זאל אנדערש ווערען, האבען נישט געהאלפען, נאר, להיפוך, שמואל האט אלץ מעהר געסקאנדאלעוועט און געשלאגען די שטובינע מענשען.

מיט צוויי וואכען צוריק איז שמואל אהיים-געקומען און געהאט אין א האנד א ניי-געקויפט שפרונג-פעדער-מעסער. ווען מ'האט איהם געפרעגט צו-וואס ער האט דאס מעסער, האט ער געענט-פערט, או דאס מעסער האט ער געקויפט, כדי

### אויסצוקוילע'ן זיין גאנצע משפחה,

שבת ארום האלב עלף איז אזענר איז שמואל געקומען אהיים אביסעל בגלופין און גלייך אנגע-הויבען צו מאכען א סקאנדאלעס. אין דערהיים איז געווען זיין מוטער און זיין שוועסטער, די מוטער האט איהם געבעטען, או ער זאל זיך בערוהיגען, ס'האט גארנישט געהאלפען, אויך די שוועסטער האט איהם געבעטען, או ער זאל זיי נישט אנטון קיין חרפות און זאל נישט סקאנדאלעווען. שמואל האט נישט אויפגעהערט און אין א געוויסען מאמענט איז ער צוגעלאפען צו דער מוטער און זי אנגעהויבען צו שלאגען. די שוועסטער איז צו איהם [illegible]-אנ-גען, און פערשטעלט די מוטער, שמואל האט נישט געזשאלעוועט קיין קלעפ דער שוועסטער ביז דאס געשלעג האט אויפגעהערט.

אין עטליכע מינוט ארום איז שמואל ווידער א-ריינגעפאלען אין א שרעקליכען כעס האט ארויס-געכאפט דאס גרויסע מעסער, וואס ער האט גע-קויפט מיט צוויי וואכען צוריק און

### זיך געווארפען דערמיט אויף דער מוטער,

די מוטער האט אנגעהויבען צו שרייען.

דאן איז צוגעלאפען דאס 20-יעהריגע מיידעל, האט פון הינטען ארויסגעכאפט פון דעם ווילדען ברודער דאס מעסער. מיט'ן גאנצען כעס האט זיך דאן שמואל געווארפען אויף זיין שוועסטער.

דאס מיידעל האט זיך שוין דאן מעהר נישט בע-הערשט און דאס מעסער וואס זי האט געהאלטען אין האנד איינגעהאל און ווידעראמאל

### אריינגעשטאכען אין דער ברוסט פון איהר ברודער,

שמואל איז געפאלען אויף דר'ערד, בעגיסענדיג זיך מיט בלוט.

מלכה לעווקאוויטש האט אליין נישט פערשטאנען וואס זי טוט, אזוי ווי זי איז געגאנגען אנגעטון

### מיט'ן פערבלוטיגען מעסער אין האנד

אוועק אין דריטען קאמיסאריאט, וואו זי האט געמעל-דעט וועגען דעם, וואס איז פארגעקומען אין שטוב פון איהר משפחה.

עטליכע פאליציאנטען זענען מיט איהר צוזא-מען אוועק אויפ'ן אנגעוויזענעם ארט און האבען שוין דארט געטראפען די פאנאטאוויע.

דער דאקטאר האט

### פעסטגעשטעלט דעם טויט

פון דעם פערשטארבענעם.

דער טויטער קערפער איז אפגעפיהרט געווארען אין פראזעקטאריום.

די ברודער-מערדערין איז ארעסטירט געווא-רען. היינט וועט דער טויטער קערפער געעפענט ווערען דורך דעם געריכטס-דאקטאר און ס'וועט זיך אנהויבען די אויספארשונג וועגען דעם שרעקליכען פאל.

---

דער שווערגעטראפענער

## פאמיליע אקאוויטע

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאכטער און שוועסטער

# ב״ע רחל

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל

פערלאג
# „נייער פאלקסבלאט"

---

נרהם ונרעשים ובלב מורתח אנו מודיעים על האסון הנורא אשר קרנו בהלקח מאתנו בעש״ק ד׳ תוהמ״פ בדמי ימיה בת שעשוענו

# נ. ע. רחל

בת ר׳ אברהם יצחק הלוי נ״י

# עקביא

בשנת העשרים ושתים לימי חייה, ובעצם היום ההוא הובאה למנוחת עולם.

המשפחה המתאבלת.

---

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס דעם מיטגליד

פרל. באשא לאפים,

צוליב'ן טויט פון איהר

# מוטער

דיר. פיוזישים, קאמפאניעטארקע לאסס און דער כאר פון דער געזעלש. „הזמיר" אין לאדז.

6357

---

# אייז-פערקויף

אויף הורט און ענצעל

## לאדאווניא, פאלודניאווא 22

אפען טעגליך פון פריה ביז נאכט. ליפערט אייז יעדען קוואנטום אויך פאר פריוואט וואוינונגען.

ז. פרידוואלד, טעלעפאן 190-48

---

מעומקא דלבא הרני מביע רגשי השתתפותי הכי חמים למשפחת עקביא בהקטף לה בת זקונים שלה

# רחל נ. ע.

ינחמכם המקום בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

מגר. ש. בונין.

---

האנדוועקער-פעראיין אין דער פויל. רעפובליק אפט. אין לאדז, אגראדאווא 9.

## אכטונג, טריקא-נייער!

לוים א בעשלוס פון דער לעצטער אלגע-מיינער פערזאמלונג, איז

### פון היינט אן א שטרייק

ביי די טריקא-נייער.

קיינער טאר נישט נעהמען קיין ארבייט אהן דער פערשטענדיגונג מיט'ן פעראיין.

די פערוואלטונג.

8999

---

# בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, דער עפענטליכקייט, אז ר'

## יעקב פיעטריקאווסקי און אברהם ראזען

בזשעזשינער 15

ווילען נישט קומען צו א דין-תורה צום הרב ר' פינסקער, פולנאצנא 12 און צוליב דעם נעהם איך אראפ פון מיר די גאנצע פעראנטווארטליכקייט פאר די ווייטערדיגע פאלגען.

ישכר ראטענבערג, בזשעזשינער 15.

---

# Dr. B. Donchin

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאניושקי 1, טעל. 209-97

---

# רעכעך

מאשינאווע ווערען אויסגעבעהט

נארדמאן ציגעלגאס 29

